# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# די סכנה פון א ברייטע פרישטאג

## פרשת עקב

## חלק א'. דאס הערליכע לאנד

### דער אויסגעווארטער ציל

עם ישראל זענען שוין ענדליך אריבער דעם ירדן אריין אין ארץ ישראל - מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס די שמחה איז געווען דערזעענדיג דאס הערליכע לאנד. איבערהויפט פאר א פאלק וואס האט שוין געוואנדערט אין מדבר פאר פערציג יאר איז דאס געווען אן אויסערגעווענדליכע מראה: "השי"ת דיין גאט ברענגט דיר צו א גוטע לאנד... א לאנד פון ווייץ, גערשטן, טרויבן, פייגן און מילגרוימען; א לאנד פון שמן זית און האניג (עקב ח. ז-ח)" זיי האבן נארוואס איבערגעטראטן דאס בעסטע לאנד אין דער וועלט.

שטעל זיך פאר ווי דו לייענסט א באשרייבונג פון א טראוועל אגענט וואס שילדערט די אטראקציע פון א געוויסע לאנד; "האב הנאה אונטער דער שאטן פון די טייטל ביימער און אטעם-פארכאפענדע פאנאראמעס, פליסיגע טייכן, בשעת דו אטעמסט אריין די אנגענעמע וועטער," און וואס אימער זיי שרייבן דארט איז אוודאי אלעס פיסטקייט. זיי שרייבן אלעס נאר דיר אריינצונארן דערין מיט דיין שווער פארדינטע געלט. ווען דו וועסט דארט דערגרייכן וועסטו זיך אנטרעפן מיט די גרעסטע מאסקיטן און גרוליגסטע בעד באגס...

אבער לאמיר זיך פארשטעלן פאר א מינוט אז דער פארשטעלונג איז אמת - דו מוזט פארשטיין אז וואס דו זאלסט נאר נישט טרעפן דארט איז אלעס אין א שאטן קעגן די הערליכקייט און שיינקייט פון ארץ ישראל ווען עם ישראל איז אריין דארט מיט יהושע.

### מילך מיט האניג

דו מוזט פארשטיין וואס ארץ ישראל איז געווען! קום נישט צו קיין מסקנות לויט וואס עס איז היינט דארט, אפילו אין די מערסטע בעארבעטעטסטע פלאץ איז עס נישט קיין פארגלייך צו וואס עס איז געווען אין יענע צייט. די טייטלען און פייגן זענען געווען אזוי גרויס און זאפטיג מיט רינעדיגע האניג אז איבערן גאנצן לאנד, וואו דו האסט זיך נאר געקערט האסטו געדארפט אכטונג געבן דיינע טריט, נישט אריינצוגליטשן אין א קאלוטש פון טייטלען און פייגן האניג. און דאס לאנד איז געווען פארפלייצט מיט סטאדעס וואס איז גערינען מילך פון זיי - עס זענען נישט געווען גענוג הענט זיי צו מעלקן און די איבערפלוס פון מילך האט זיך אויסגעמישט מיט די ימים פון האניג. ס'איז ממש געווען א לאנד וואס פליסט מילך מיט האניג.

ס'איז געווען אן ערשיינונג וואס האט אנגעהאלטן פאר אסאך יארן! אפילו שפעטער, לאנג נאכן חורבן פון דער צווייטער בית המקדש איז דאס נאכאלץ געווען א נארמאלער ערשיינונג אין ארץ ישראל (כתובות קי"א:) אבער ווען זיי זענען אריינגעקומען צום ערשטן מאל קיין ארץ ישראל איז עס געווען אין איר הויכפונקט פון פראכט וואס מיר קענען זיך בכלל נישט פארשטעלן. ס'איז געווען אן ארץ חמדה אין פולן זין פון ווארט!

און דאס איז וואס השי"ת האט געזאגט צו עם ישראל ווען זיי האבן געהאלטן ביים אריינטרעטן אין לאנד - **וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים שָׁמָּה... אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ** (דברים יא, ח) דו וועסט קומען און ירש'נען דאס לאנד וואו דו גייסט דארט אריין... א לאנד וואס רינט מילך און האניג. (שם י"א ח-ט)

### א חסרון אין ארץ ישראל?

אבער דאן, דארט אויפן פלאץ האט השי"ת צוגעלייגט נאך איין זאך - ער האט מסביר געווען אז ס'איז דא א חילוק פון ארץ ישראל און אנדערע לענדער: "**כִּי הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ לֹא כְאֶרֶץ מִצְרַיִם הִוא אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִשָּׁם** - דאס לאנד וואס דו קומסט אריין ירש'נען, איז נישט ווי דאס לאנד מצרים, **לִמְטַר הַשָּׁמַיִם תִּשְׁתֶּה מָּיִם**, דו וועסט טרינקען רעגן וואסער פון הימל (שם י"א י.)

וואס זאגט דא דער אויבערשטער? אז ארץ ישראל איז אנדערש פון אנדערע לענדער. דארפסט פארשטיין, אין מצרים האבן זיי נישט געדארפט קיין רעגן. דער טייך נילוס האט געפלאסן א גאנץ יאר און אריינגעפלאסן אירע וואסערן צו די קאנאלן איבערן גאנצן לאנד - האסט געהאט וויפיל וואסער דו האסט נאר געוואלט. אויך אין בבל האט מען נישט געדארפט קיין רעגן; **על נהרות בבל שם ישבנו**. זיי האבן געהאט דער חדקל און פרת, גרויסע טייכן וואס האבן צוגעשטעלט אן איבערפלוס פון וואסער א גאנץ יאר.

אבער אין ארץ ישראל איז דאס נישט געווען אזוי. עס זענען געווען אפאר טייכן אבער ס'איז ווייט נישט גענוג; זיי האבן וויכטיג געברויכט האבן רעגן פון הימל צו קענען איבערלעבן. און השי"ת האט געמאכט זיכער אז זיי ווייסן דערפון ווי נאר זיי טרעטן אריין אין לאנד. "ארץ ישראל וועט זיין גאר עפעס אנדערש ווי אין מצרים. דא וועסטו נישט האבן דער לוקסוס פון אן איבערפלוס פון טייכן - אנשטאט דעם וועסטו זיין אנגעוויזן אויף רעגן פון הימל."

### טייכן אין ארץ ישראל

דאס איז א געוואלדיגע קשי'. נאך אלעם האט השי"ת אנגעגרייט ארץ ישראל פאר אונז אידן, פארוואס האט ער אונז נישט צוגעגרייט גרויסע קוואנטומען פון טייכן מיט אן איבערפלוס פון וואסער? ס'איז נישט ווי מיר טראכטן אז ס'איז א צופאל, אז עס האט זיך פערצופאל אויסגעשטעלט אזוי אז אין ארץ ישראל איז נישטא קיין גרויסע טייכן. אה ניין! ס'איז געווען די האנט פון השי"ת וואס האט באשאפן די אמאזאן, מיסיסיפי, נילוס און פרת. השי"ת האט געמאכט די טייכן; ער האט מחליט געווען וואו זיי צו אוועקשטעלן און ער וואלט ווען געקענט מאכן די זעלבע זאך אין ארץ ישראל. ער וואלט ווען געקענט מאכן אז דער ירדן זאל איבערפליסן מיט א מעכטיגע שטראם און עס וואלט ווען געווען א וואסער שטראם ווי דער טייך נילוס.

און די תשובה איז גלייך דארט אין די ווערטער פון השי"ת: "איך טו דאס בכוונה, **לִמְטַר הַשָּׁמַיִם תִּשְׁתֶּה מָּיִם**, דו וועסט טרינקען רעגן וואסער פון הימל," דאס מיינט אז דו וועסט דארפן הייבן דיינע אויגן צום הימל און זיך בעטן פאר רעגן. השי"ת האט געוואלט אז מיר זאלן זיך שטענדיג דערמאנען פון שמים, די וויכטיגקייט פון הייבן די אויגן צו אים.

### די מעלה פון ארימקייט

אזוי ווי פארמערס, זיי קוקן שטענדיג ארויף צום הימל. זיי ברויכן רעגן און דאס איז איינע פון די זאכן וואס קען נישט ווערן צוגעשטעלט דורך די רעגירונג. דו קענסט נישט באשטעלן וואלקנעס פון וואשינגטאן. צומאל האבן זיי קינסטליכע קוואלן און אנדערע וואסער פאטענטן, אבער אין רוב פעלער ווילן די פארמערס ווענדן זייער אויגן צו די וואלקנעס, "וועט היינט רעגענען?"

און ער קוקט ארויס און באמערקט וואלקענעס אין הימל, ס'איז נישט אלעמאל די סארט וואלקענעס וואס ער וויל האבן, צומאל זעט ער וואלקענעס, אוי וואלקענעס פון היישעריקן! די אלע חדשים פון שווערע

הארעוואניע אין די פעלדער וועט יעצט גיין לאיבוד. דעריבער קוקט דער קלוגער פארמער שטענדיג העכער די וואלקענעס. ער פאלט צו זיינע קניען און בעט זיך בתחנונים ביים באשעפער ער זאל אים העלפן. דער פארמער טראכט מער פון השי"ת ווי דער שטאטישע ארבעטער ווייל ער איז אנגעוויזן אויף די כוחות וואס איז נישט אין זיין קאנטראל.

דערפאר איז נישט פארהאן קיין גרויסע טייכן אין ארץ ישראל - השי"ת האט אויסגעשטעלט די אייגנשאפטן פון לאנד וואס זאל העלפן שטייגן זיינע אידן וואס וועלן וואוינען דארט. און א גרויסע טייך וואלט ווען געווען צו א גרויסער נסיון צו פארגעסן פון אים. דערפאר איז ארץ ישראל, מיט אלע אירע מעלות האט אויך די איין חסרון. אפילו די בעסטע לאנד, דער ארץ חמדה טובה ורחבה איז אויסגעמאסטן געווארן מיט א פונקטליכקייט פאר די טובה פון עם ישראל.

## ארץ ישראל איז גוט אויסגערעכנט

פונקט ווי א דאקטער שטעלט אויס א רעצעפט אדער א ספעציעלע דיעטע, אפילו נישט אלע זאכן האבן א געשמאקע טעם און צומאל לאזן זיי איבער נאכווייען אבער עס האט דאך א ציל. אזוי איז ארץ ישראל א רעצעפט פאר דער טובה פון אירע איינוואוינער - זיי צו מאכן דאס בעסטע וואס זיי קענען נאר זיין.

דאס מאנגל פון א טייך און דאס שטענדיגע אפהענגיגקייט צו רעגן, האט זיי געמאכט מער באוואוסטזיניג פון השי"ת. ווען עס האט זיך געמאכט אז ס'איז נישט געקומען קיין רעגן האט מען געמאכט א תענית. צומאל האבן זיי געדארפט פאסטן און פאסטן און פאסטן, ווי די גמרא ברענגט אין מסכת תענית. עס זענען געווען טעג פון תעניתים און תפילה. דאס איז געווען א געוואלדיגע תיקון פאר זיי ווייל זיי האבן זיך דערמאנט אין השי"ת. און ענדליך ווען זייער תפילות זענען געהערט געווארן און עס איז געפאלן א רעגן איז דאס געווען א געוואלדיגע שמחה פון שבח והודאה צו השי"ת.

## הייליגקייט און שמחה

און די רעגנס וואס זענען געפאלן איז געווען דער שכר פאר עם ישראל; אזוי שטייט אין דער סדרה און מיר חזר'ן עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל יעדן טאג. "**וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ** אויב דו וועסט צוהערן צו מיינע באפעלן," זאגט השי"ת, "מיר צו ליב האבן און מיר דינען מיט דיין גאנצן הארץ, וואס וועל איך דאן טון? ונתתי מטר ארצכם, איך וועל גיבן רעגן, פריערע רעגן און שפעטערע רעגן זאלסט קריגן שפע, **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ**, איך וועל דיר גיבן צו עסן און דו וועסט זאט ווערן." (דברים יא, יג)

דאס איז די ברכה וואס השי"ת האט צוגעזאגט פארן מתפלל זיין צו אים און אים דינען מיט געטריישאפט דורכאויס די לאנגע הערבסט און ווינטער חדשים.

דערפאר איז סוכות געווען אזא שמחה - נאך לאנגע חדשים פון איינזייען און זיך אפגעבן מיטן פעלד, איז דער חג האסיף ענדליך אנגעקומען, די צייט פון איינזאמלען. פון אלע עקן לאנד האט דאס פאלק זיך געפרייט פון דער איבערפלוס וואס די ווינטערדיגע רעגן האט געברענגט מיט זיך. עם ישראל "האט געגעסן און זאט געווארן."

## דיווארענונג

און דערנאך אן איבערראשונג; וואס זאגט השי"ת גלייך נאכדעם? "**הִשָּׁמְרוּ לָכֶם** - היט אייך אפ, **פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם** - אויב דיין הארץ וועט זיך לאזן איבעררעדן, **וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים** - דו וועסט דינען פרעמדע געטער" (דברים יא, טז). ס'קוקט אויס ווי אן איבעריגע מסקנא ווי עס באלאנגט נישט דא אהער. מיר רעדן דא פון א הייליג פאלק, די אידן וואס האבן פארבראכט די לאנגע ווינטער מיט תפילות, מיט זייער אויגן געוואנדן צום הימל און יעצט עסן זיי פון דעם איבערפלוס וואס דער אויבערשטער האט זיי געשאנקן. וואס איז דער פלוצלינגדיגער ווארענונג, "היט אייך אפ, אויב דיין הארץ וועט זיך לאזן איבעררעדן?" דער ענטפער איז אז ס'איז נישט גרינג פאר א מענטש צו אנהאלטן זיין באלאנס איינמאל ער האט גענוג עסן. ווען די ברכה קומט, דאן שווימען ארויף אלע שוואכע מידות אויפן אויבערפלאך. א פולער מאגן ברענגט א ווידערשפעניגער הארץ. - **ארי נוהם מתוך קופה של תבן**, ווען ווערט א לייב חוצפה'דיג און הייבט זיין קול? נישט ווען ער ווערט געפיטערט שטרוי, א לייב וואס ווערט געשפייזט אויף היי וועט זיי א פיינער וואוילער לייב. ער וועט ארומגיין מיט זיין קאפ אראפ, אויב ער וועט בכלל ארומגיין... **אלא מתוך קופה של בשר** - נאר ווען דו טוסט אים פיטערן מיט א פאס אנגעפילט מיט פלייש דאן ווערט ער א בעל גאווה, א חוצפה'ניאק. גיב אים נאר צו פרעסן און ער וועט שוין לאזן וויסן ווער ער איז...

## אפיקורסות וואקסט ווי אויף הייוון

אויך א בשר ודם ווערט א מחוצף ווען ער עסט צופיל. דערפאר, בדרך אגב איז פארהאן 'עוועלאזשען'. 'עוועלאזשען' איז נישט אויפגעשטאנען אין דרום אמעריקע ווי די מענטשן האבן נישט קיין געלט צו קויפן שיך, וואו מענטשן זענען איבערגליקליך אויב זיי קענען קויפן עפעס עסן און דורכשטופן דעם טאג. 'עוועלאזשען' איז אויפגעשטאנען אין ענגלאד, דאס געבענטשטע לאנד. אין יענע צייט איז ענגלאנד געווען די רייכסטע פאלק. זיי האבן געהאט איבער גענוג עסן; **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ** און דעריבער איז געווען **וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים**. אפיקורסות וואקסט ווען ס'איז דא א שפע, ווייל א מענטש וואס זיין מאגן איז פול, וויל נישט האבן קיין קאנקורענט אויף דער וועלט. ער ווערט אויפגערעגט ווען מען שטייט אים אין וועג, ער וויל זיין אליין; השי"ת מאכט אים צו ענג. "ס'איז פשוט נישטא גענוג פלאץ פאר אים אויף דער וועלט" (סוטה ה'). צי דו גלייכסט עס אדער נישט, דאס איז דער מציאות וואס דו טראכסט אין דיר. דאס איז דער רעזולטאט פון ווערן איבערגעזעטיגט.

מען רעדט דא פון א צדיק. ער מוז זיין א צדיק - נאך אלעם, עס שטייט בפירוש אין פסוק אז רעגן אין צייט און די שפע פון גערעטעניש איז א באלוינונג פארן ליב האבן השי"ת און אים דינען "מיט זיין גאנצע הארץ". און אויב ס'איז א שכר, דאן וואס פארא שאדן קען דען קומען פון די רעגן און גערעטעניש?

אסאך! אפילו ווען א מענטש איז ערליך און השי"ת באצאלט אים מיט הצלחה, מיט שפע און פרייליכקייט, זאל ער זיך אבאכט געבן. איר גייט אויף גליטשיגע אייז, און השי"ת ווארענט אים, השמרו לכם, היט זיך!

## דער רייכער ארימאן

פאר מיר הייבן אן דער ענין זאל קיינער נישט זאגן אז דאס האט נישט מיט אים צו טון צוליב דעם וואס ער האט נאכנישט די ערשטע מיליאן אדער די צווייטע. דער פסוק זאגט, **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ**, דו וועסט עסן און זיין זאט, דאס איז דאס! דערפאר, לאמיר זיך תיכף אפשאקלען פון אלע תירוצים און קלאר וויסן אז דאס האט שייכות צו יעדן אין אמעריקע; דאס אלעס ליגט אין די ווערטער **וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ**, און יעדער אין אמעריקע עסט פיין.

די איינציגסטע דאגה אין אמעריקע איז נאר ווי צו אפפאלן וואג. ס'זענען פארהאן ארגיניזירטע דיעטע צענטערן צו פארמיידן פון עסן צופיל. אפילו די ארימעלייט אין אמעריקע זענען פעט! זיי גייען אין גאס לעקענדיג אייז קרים קייענדיג גאם, און צוקערלעך, און דאס איז נאך א פולער מאלצייט אינדערהיים. זיי וואקען און גרעפסן אין די גאסן...

אפילו דער יונגל וואס גייט ארויס אין חדר צופרי, ער האלט אן אייסעס אין איין האנט און א טאוול טשאקלאד אין צווייטן האנט. דער יונגל הייבט שוין אן זיין טאג מיט די לינקע פוס. ער איז דער פון וועמען דער פסוק רעדט: "זיי געווארנט דיין הארץ זאל ח"ו נישט אפנייגן..."

# חלק ב'. א טרייסט

## וואס מאכט אונז פעט?

**השמרו לכם פן יפתה לבבכם**, איז נישט די איינציגסטע ווארענונג וואס איז אונז געגעבן געווארן. די תורה האלט אין איין איבער'חזר'ן דעם ווארענונג קעגן צופיל שפע; נאכאמאל און נאכאמאל ווערסטו דאס טרעפן איבערגע'חזר'ט (דברים ח: יא, יא:טז, לב:טז). דעריבער שטעלט זיך א שאלה: פארוואס האט השי"ת געברענגט אונזערע אור עלטערן צו א לאנד וואס וועט זיי געבן אזויפיל גליק? אויב השי"ת האט פאראויס געזעען אז צופיל גוטס, צופיל שפע איז א גרויסע סכנה פארוואס האט ער זיי געגעבן אזא לאנד? ער וואלט וועגן געקענט מאכן דאס לאנד טרוקן אז מ'זאל קוים קענען ברענגען פרנסה. א לאנד וואו מען איז א גאנצע צייט אנגעוויזן אויף ישועות און דורכדעם וועט זיין גרינגער צו זיין אן ערליכער איד.

אוודאי, אויב דו מיינסט אז די וועלט איז וויכטיג דאן איז דאס נישט אזא גרויסע שאלה פאר דיר ווייל ווי קענסטו לעבן אין עולם הזה אָן א פולער מאגן; אָן אייז קרים און טשאקלאד קעיק? אבער איינמאל דו פארשטייסט אז השי"ת האט דיר דא אראפגעברענגט אויף דער וועלט אלס אן הכנה פאר יענע וועלט איז דאס א שאלה וואס קומט גלייך אויף: וואלט נישט בעסער געווען פאר אונז צו באקומען די מינימום נאר צו דערהאלטן דאס חיות? פארוואס זאל מען אונז געבן אזא איבערפלוס?

## חזר'ן די הפטורה

אלס אן הקדמה צו דער שאלה וועלן מיר זיך רעכענען מיט דער מנהג ישראל אין די זומערדיגע וואכן. ווען ס'קומט די טעג פון בין המצרים האבן מיר דריי הפטורות, שלש דפורענותא די דריי חלקים פון די נביאים וואס מיר ליינען וואס זיי ווארענען אונז איבער דער חורבן און צרות וואס וועט קומען אויף כלל ישראל.

און שפעטער, נאך תשעה באב, קומט די שבעה דנחמתא, די זיבן וואכן פון הפטורות וואס דארפן אונז טרייסטן אז עס וועט נאך קומען גוטע טעג פון שמחה וואס איז אונזער צוקונפט.

פארוואס זענען נאר פארהאן דריי פרשיות פון פורענותא וואס זאגט פאראויס פונעם חורבן און זיבן פרשיות פון נחמה? ס'וואלט געדארפט זיין דריי וואכן נחמה צו באלאנסירן די דריי וואכן פון מוסר און ס'איז גענוג. פארוואס זיבן? מיר דארפן ארייננקלערן אין אזא זאך; נאך אלעם איז עס נישט אומזיסט וואס אונזערע חכמים האבן דאס אזוי אויסגעשטעלט.

## א פלאן פון גליק

דער עטפער איז אז השי"ת וויל זייער שטארק אז מיר זאלן מצליח זיין אויף דער וועלט און דער וועג דאס צו עררייכן איז דורך שמחה. נישט פון טרויעריגקייט! עצבות; אפילו אויב דאס עצבות איז פאר א מצוה ווי אבילות פארן חורבן איז דאס נישט **דער** וועג צו דערגרייכן עפעס. ניין, אויסדריקליך אז נישט!

אקעי, דו דארספט אביסל טרויעריגקייט, דאס איז איינע פון די באשטאנדטיילן. דאס לעבן איז א געמיש פון כל מיני באשטאנדטיילן אבער וואס איז דאס מערסטע וויכטיג איז דער באשטאנדטייל פון **שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּה'** - ווער עס וויל זיין א צדיק זאל זיך פרייען מיט ה' (תהילים צז: יב).

שמחה איז די וויכטיגסטע זאך אויף דער וועלט. יא, ס'איז וויכטיג צוצולייגן אביסל זאלץ, צומאל אביסל פעפער, אבער ס'קען נישט זיין בלויז זאלץ מיט פעפער. דאס מערהייט דארף זיין שמחה.

דאס איז דער לימוד פון די דריי פורענותא אבער זיבן פון נחמה. השי"ת'ס פלאן פאר אונז צו קענען מצליח זיין אין לעבן איז נישט מיט מרירות; נישט פון ביטערניש און צרות וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין דער פארגאנגענהייט. ניין, די הצלחה פון אן עובד השם איז די זאכן וואס השי"ת האט אים געגעבן צו הנאה האבן!

## ריכטיגע עבודות

דאס איז א געוואלדיגער חידוש וואס איך זאג ענק דא. ס'איז אזא חידוש אז אסאך ערליכע אידן וועלן דאס נישט קענען אננעמען. אבער הער זיך נאכאלץ צו ווייל למעשה איז דאס די וויכטיגסטער אייגנשאפט פאר עבודת השם, מער ווי סיי וועלכע זאך. דער יסוד פון כל התורה כולו איז '**הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב**'. עבודת ה' מיינט, שטענדיג טראכטן וואס דער אויבערשטער טוט פאר דיר. ריכטיגע עבודות השם איז **הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב** - אים דינען מיט דאנקבארקייט. ריכטיגע עבודת ה' איז **מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי**, דער געפיל פון הכרת הטוב צום באשעפער וואס קומט ארויס פון צופרידנקייט.

דו מוזט פארשטיין אז א מענטש וואס איז אומצופרידן וועט נישט דינען השי"ת. ער וועט דאווענען אבער ער וועט נישט טראכטן וואס ער זאגט - ער קען נישט טראכטן; ער טוט זאכן נאר אויסערליך, דאס מיינט נישט קיין עובד השם.

וואס מיינט מגן אברהם? דו דאנקסט אויף עפעס; אויף וואס?! וואס מיינט מחיה המתים? דו דארפסט דאנקען השי"ת אויף תחית המתים! ברוך אתה השם מחיה המתים. ס'קומט אים נישט אויפן געדאנק צו לויבן השי"ת אויף תחיית המתים. א נעכטיגן טאג! ער האט נאך קיינמאל נישט געטראכט דערפון בכלל. די גאנצע שמונה עשרה איז ליידיג. קען דאס גערופן ווערן א לעבן פון עבודת השם?

## א טרויערדיגער מענטש

ווען א מענטש איז נישט אנגעפילט מיט שמחה איז זיין גאצע עבודת השם ליידיג. ער גייט פארביי א מזוזה. טראכט ער אריין וואס איז פארהאן אין דער מזוזה? ער לייגט תפילין. טראכט ער אריין וואס די תפילין קומען אונז דא לערנען? ווען ער טוט אן ציצית אדער ווען ער זעט א צווייטן אנגעטון מיט ציצית טראכט ער עפעס? א זויערע מענטש טראכט נישט פון השי"ת; ער איז צו שטארק פארנומען מיט זיין טרויער.

ער זיצט אין סוכה און ניטאמאל איינמאל פאלט אים ביי צו טראכטן, **לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** (ויקרא כג, מג) דו דארפסט זיצן אין סוכה און טראכטן פון די ניסים וואס האט פאסירט אין מדבר. די פוסקים זאגן דאס (א"ח תרכ"ה). אבער אן דער פונק פון פריילעכקייט און דאנקבארקייט וועט דאס נישט פארקומען; ער וועט קיינמאל נישט טראכטן דערפון, נישט אפילו איינמאל אין זיין לעבן. דו קענסט זאגן די אושפיזין, מאכן קידוש און אלעס ארום אבער נישט טראכטן אז די סוכה איז דא פאר א לימוד.

אלע מצוות זענען צוועקלאז ביי איינעם וואס איז נישט פול מיט שמחה. דעריבער איז דאס דער וויכטיגסטער אייגנשאפט פאר עבודת השם! מיין נישט אז דאס איז בלויז א גוזמה. שמחה איז דער פייער וואס פלאקערט אויף די עבודת השם ביים איד!

## שירות ותשבחות

צו דינען השי"ת מיינט **שירו לו זמרו לו!** דו מוזט זינגען צו השי"ת! אלעס וואס דו טוסט זאל זיין א געזאנג פון לויב צו אים. ווען דו גייסט אין ביהמ"ד איז דאס א וועג צו זינגען צו השי"ת. ווען דו טוסט אן ציצית אדער קאכסט לכבוד שבת איז דאס א געזאנג צו השי"ת. די תורה איז א וואונדערליכע געזאנג! פרק כיצד הרגל אין בבא קמא איז א הערליכע שיר! פרק המניח איז א הערליכע שיר. דער חובת הלבבות איז א הערליכע שיר און אזוי אויך איז דער שלחן ערוך, מגן אברהם, דער ש"ך, משנה ברורה און דער קיצור שלחן ערוך. עבודת השם איז איין גרויסע שיר פון דאנקבארקייט.

דערפאר זאגט השי"ת, **"נחמו נחמו עמי"**, השי"ת באפעלט די נביאים צו

טרייסטן די אידישע קינדער וויל אונזער טרייסט און חיזוק, אונזער צופרידנקייט איז דער פונדעמענט פון אלעס און אלעמען. אבער ער זאגט נישט אז בלויז די נביאים זאלן דאס טון, "טרייסט מיין פאלק", אויך מיר דארפן דאס טון. מיר דארפן זיך פארנעמען צו טרייסטן! און צו וועמען איז די וויכטיגסטע צו רעדן? צו זיך אליין פאר אלעם. יעדער מוז מאכן זיכער אז ער איז פול מיט נחמה.

## מיר זענען די גליקליכסטע

אוודאי דארף ער וויסן אז בעסערע טעג וועלן נאך אונטערקומען. דער עתיד איז אונזער'ס! ס'איז נישט קיין שאלה! אבער איסער דעם דארפן מיר קלאר וויסן אז אונזער גליק איז אין די וועלט שוין יעצט. ווער לעבט א גליקליכערע לעבן היינטיגע צייטן ווי דער ערליכער איד? דו מיינסט אז די איטאליענער אין 'בעזענהארסט' שניידן בעסער אפ? רעדט דיך נישט איין. זיי טראגן ארום מיט זיך מעסערס. זיי האבן מורא איינער פון צווייטן. די איטאליענער הרג'ענען איטאליענער מער ווי זיי הרג'ענען אנדערע. דו מיינסט אז די שווארצע זענען גליקליכער? חס ושלום! זיי לעבן אין יאוש. און ווער האט דאס גורם געווען? נישט צוליב דיסקרימינאציע. זיי רואינירן זיך אליינס זייער לעבן דורך גוואלטאטן, דראגס, אלקאהאל, פוילקייט. זיי מאכן חרוב זייער לעבן און באקומען וואס ס'קומט זיך זיי.

אפילו די בעסערע גוים, די מערסטע ציוויליזירטע פון זיי, לעבן א לעבן פון די זעלבע אומגליקליכקייט. רעדט דיך נישט איין אז נישט. דער יצר הרע רעדט דיך איין אז אינדרויסן איז בעסער אבער זיי וויסן אז די פרייליכסטע פלאץ אויף דער וועלט איז דער אידישער שטוב. דו מוזט וויסן ווי גליקליך דו ביסט אז דו וואוינסט אין א הויז וואס איז פארזיכערט דורך דעם אויבערשטנ'ס חוקים און משפטים. אויב מיר וועלן נישט נעמען צייט זיך צו מחזק זיין וועלן מיר דאס קיינמאל נישט וויסן. אלזא, **נחמו נחמו עמי**, זיי גליקליך מיט וואס דו פארמאגסט!

## די אידן לעבן בעסער בדרך כלל

דער פרומער איד אויף דער וועלט, אין רוב פעלער, שטייגט איבער סיי וועמען מיט זיין צופרידנקייט. ווען מיר לייענען די אידישע געשיכטע דארפן מיר זיין באוואוסטזיניג פון א כללית'דיגע טעות. די היסטאריקער לייגן אראפ די אידישע געשיכטע אין די טונקלסטע פארבן פון נעבעכדיגקייט ווי גלייך זיי האבן שטענדיג געליטן. ס'איז נישט אמת. די אידן האבן אייביג געלעבט אויף א העכערע שטאפל ווי די גוים. דער כוזרי זאגט עס. ער זאגט אז אין גלות זענען מיר שטענדיג אביסל נידריגער ווי אריסטאקראטיע אבער פארט זענען מיר שטענדיג געווען העכער ווי די בירגער פונעם לאנד. ס'איז א פאקט. מיר לעבן שטענדיג בעסער.

פינאנציעל זענען מיר דאס מערסטע מצליח - כאטש מיטל-קלאס זענען מיר זיכער. מער ווייניגער מאכן אידן פרנסה. זיי זענען נישט די ליידיגייערס פון גאס. זיי זענען נישט די היימלאזע. האסטו שוין אמאל באגעגנט א היימלאזער פרומער איד? ניין! דארפן מיר זיך מתבונן זיין צו זעען ווי גליקליך מיר זענען.

ווער ארבעט אין די הייזער אלס דינסטן? אידן? ניין. אין רוב פעלער זענען זיי גוי'שע דינסטן. גוים זענען די רייניגערס. אידן ארבעטן נישט צו רייניגן די הייזער פון די גוים. ווען איך בין געווען אין אייראפע האבן אפילו ארימע אידן געהאט גוי'שע דינסטן. איך געדענק ווי די ליטווישע און פוילישע דינסטן פלעגן זאגן, "ענק אידן זאלן האבן אן אייגענער לאנד אז מיר זאלן קומען דארט און ענק זאלן ארבעטן פאר אונז...!" אלזא, ווי אימער די אידן האבן זיך באזעצט זענען זיי געווען פון די הויכגעשעצטע פון לאנד. אידן האבן שטענדיג געהאט מער הצלחה און געלעבט מער גליקליך.

## ס'איז אלעס גוט

א איד האט דער מתנה פון שבת. ער האט א וואקאציע יעדע וואך. אפילו ער איז נאך יונג 'ריטייערט' ער. איינמאל אין וואך האט ער הנאה פון א פריצייטיגע 'ריטייערמענט'.

'**כלם ישבעו ויתענגו מטובך**', זיי האבן הנאה פונעם שבת! מיר וואשן זיך ארום מיט הייסע וואסער לכבוד שבת. מיר טוען אן ריינע בגדים איינמאל א וואך - אפשר מער אפט און מיר זיצן צוזאמען די גאצע משפחה און עסן געשמאקע מאכלי שבת פון פיש, פלייש, טשאלענט, קוגל, פרישע חלות. דאס אלעס איז א חלק פון 'נחמו נחמו עמי', דאס טרייסט פון אונזער פאלק.

אבער נישט נאר דאס פאלק זאלסטו טרייסטן. טרייסט זיך אליין! דו קענסט מיר דערהערן? קענסט נישט, הא?! איז דאס נישט א פרייליכקייט צו הערן און צו בייוואוינען?! אוי אוי, ווי א פרייליכקייט איז צו זעען מיט די אייגענע אויגן די וועלט. לעבסטו איבער דעם טאג מיט בלויז ברויט מיט וואסער? און דו ביסט זיכער נישט געשלאפן אויף דער ערד נעכטן נאכט... דו ביסט געשלאפן אין א בעט, נישט אזוי? און אויך די פריערדיגע נאכט. דו האסט וואסער, לייטונג, אין דיין הויז? דו האסט אן אינסטאלירטע בית הכסא? און אסאך פון ענק האבן מער פון איינס אין זייער הויז! רייכער ווי די קעניגן הונדערט יאר צוריק!

דעריבער, '**נחמו נחמו עמי**', מיינט געב אוועק אביסל צייט זיך אומצוקוקן אויף די פרייליכקייט אויף דער וועלט. אונזער לעבן איז שטענדיג פול מיט גוטע זאכן און דאס איז א גרויסע טרייסט; נישט קיין חילוק וואס פארא זאלץ און פעפער דו האסט באשפריצט אין דיין לעבן האסטו גענוג פרייליכקייט, פיל מער ווי טרויער. א גרויסע חלק פון דער נחמה איז אז השי"ת געבט אונז שטענדיג גוטע צייטן.

# חלק ג'. גלייך אויף גלייך

## דער געשעפט פון השי"ת

יעצט, אין פרקי אבות (ג. ט"ז) ווערט געברענגט '**החנות פתוחה**' דער געשעפט איז אפן. השי"ת'ס ביזנעס איז אפן זיבן טעג אין וואך. וואס מיינט דאס אן אפענער געשעפט? די גאנצע וועלט איז א גרויסער קראם. דו קענסט אריינקומען פון זונטאג ביז שבת, און נעמען וואס דיין הארץ באגערט. יעדער האלט אין איין נעמען, מען האט הנאה פון עולם הזה.

און דאס מיינט אז מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו פארגעסן וואס די תורה ווארענט אונז: אויב דו נעמסט און נעמסט און נעמסט, עסטו און דו ווערסט זאט, דארפסטו זיין אויף דער וואך, '**השמרו לכם פן יפתה לבבכם**'. השי"ת געבט אונז נישט קיין שטרוי, נאך אלעם, ער שפייזט אונז מיט שטיקער פלייש און נאכאלץ זעעט אויס אז ס'איז שייך צו פארגעסן פון אים. אבער פאקטיש איז עס נישט אינגאנצן אזוי.

וויל ווען א מענטש איז א גאנצן טאג פארנומען צו דאנקן השי"ת פאר אלעם וואס ער האט איז דאס א לייזונג צו דעם פראבלעם. די בעסטע מעדיצין איז צו ארויפקוקן מיט הודאה צו דעם 'געבער' וויל אויב נישט בארגסטו און בארגסט אן קיין חשבון פון וואו דאס צו באצאלן.

## דער רעכענונג'ס טישל

ס'איז נישט קיין פרייער וועלט! '**לה' הארץ ומלואה**', צו השי"ת באלאנגט די ערד. פון וואו נעמען מיר דאס רעכט צו געניסן פון זיין וועלט? ווי האבן מיר ערלויבעניש צו הנאה האבן פון א קילער ווינטל, זון שטראלן, אונזערע משפחות, אונזערע הייזער, פרידזשידערס אנגעפילט מיט עסן, און אלעס וואס מיר בארגן טאג און נאכט פון השי"ת.

די גמרא ברענגט א תשובה צו דעם, "**כאן קודם ברכה כאן לאחר ברכה**" נאכדעם וואס דו האסט אים געדאנקט האסטו רשות צו הנאה האבן וויל מיט

דעם האסטו אים באצאלט; דו אנערקענסט אין דעם געשעפט אייגנטימער. ס'איז נישטא אזא מין זאך פון נעמען אן צאלן, דאס איז א פשוט'ער מושג וואס יעדער פארשטייט. ווען דו גייסט אריין אין א געשעפט מיט א קליין קינד וויל ער אלעס כאפן. דו מוזט אים צוהאלטן זיינע הענט און אים אויסלערנען, "שעפעלע, דו קענסט דאס נישט נעמען!"

ער קוקט דיר אן מיט גרויסע אויגן, "טאטי, וואס מיינט דאס אז מען טאר נישט נעמען?"

"ניין, מען קען נישט נעמען נאר אויב מען באצאלט."

וואס מיינט דאס, באצאלן?"

ער פארשטייט נישט! דו מוזט באצאלן? ס'איז א וויכטיגע לעקציע אויסצולערנען פאר קינדער. דו מוזט באצאלן! דו קענסט נישט נעמען וואס דיינע אויגן גלוסטן.

## וואס איז א ברכה?

און דאס איז וואס ערוואקסענע דארפן זיך אויך דערלערנען. ווען דו קומסט אראפ אויף דער וועלט איז עס ווי א 'דיפארטמענט' געשעפט, א '**חנות פתוחה**' פול מיט גוטע זאכן. אבער ס'איז נישט אומזיסט. '**החנוני מקיף**' - ס'איז אזא מין געשעפט וואו מען שרייבט אלעס אויף; אפילו אום שבת ווערט אלעס פארשריבן. '**הפנקס פתוחה ויד כותבת**' - און עס ווערט אפגעשריבן אלעס וואס דו נעמסט. און די איינציגסטע וועג נישט צו בלייבן מיט חובות, די איינציגסטע וועג צו נעמען און נישט ווערן פארלוירן איז '**כאן לאחר ברכה**' דורך זאגן ברכות פאר יעדע זאך וואס דו נעמסט.

און אויב דו ווילסט ארויסנעמען א תועלת פון דעם געדאנק דא, דאן מוזטו רעאגירן ווי גלייך דו האסט נאך קיינמאל נישט געהערט פון אזא מין זאך ווי ברכות. ווייל אויב דו וועסט צוריקגיין צו דיין פריערדיגע געוואוינהייטן פון כיפערן ברכות איז געווען א שאד אויף דעם שיעור. דו מוזט זיך שפירן ווי דו ביסט א פרישער גר וואס האט נארוואס אנגעהויבן צו הערן דער מושג פון מאכן ברכות.

א ברכה מיינט נישט נאר די אויסשטעל, אפאר ווערטער וואס מען זאגט ארויס ווען דו עסט עפעס. א ברכה מיינט אז דו האסט הנאה פון וואס ער געבט דיר און דו דאנקסט אים דערפאר. דו קוקסט ארויף צו אים און זאגסט א ברכה, "איך בייג מיין קני צו דיר אלס לויב."

דאס ווארט, '**ברכה**', דארפסט וויסן, קומט פון דאס ווארט '**ברך**' וואס מיינט א קני; 'ברוך' מיינט צו דעם וואס דיינע קניען זענען געביקט. "איך שעם זיך פאר דיר; איך בין איבערגעפילט מיט אזויפיל גוטס אז איך וועל דיר דינען מיט לויב. איך וועל טון מצוות, איך וועל לערנען תורה, איך וועל שיקן מיינע קינדער צו די בעסטע ישיבות, צו די בעסטע מיידל שולעס." דאס איז וואס ברכות מיינט - דאס מיינט אז דו קניסט מיט דאנקבארקייט פאר השי"ת ווייל דו ביסט אים אזויפיל שולדיג.

## באנק כללים

נעם א ביישפיל פון א מענטש וואס קומט אריין אין באנק פאר אן אסיפה צו פארמיטלען וויפיל געלט ער קען בארגן. ער רעדט איין פארן באנק מענעדזשער איבער זיינע געשעפטן און דער מענעדזשער איז גרייט אים צו בארגן וויפיל ער פארלאנגט.

אויב דער מענטש איז קלוג וועט ער זיך איבררעכענען, "וויפיל קען איך באמת בארגן? נאך אלעם וועל איך אלעס דארפן צוריקצאלן." ער ווייסט קלאר אז דער באנק וועט אים צווינגען אלעס צוריקצוצאלן. ס'איז נישט קיין מעלה סתם אזוי צו בארגן וויפיל דאס הארץ באגערט. דו מוזט האבן א פלאן, "ווי אזוי וועל איך מאכן די 'פעימענטס'?"

דעריבער, אויף דער וועלט איז צופיל גוטס - דאס מיינט גוטס וואס ווערט נישט געניצט אלס גאזאלין צו ווערן אויפגעפלאמט מיט לויב צו השי"ת - איז א גרויסער סכנה. ווייל ווי מער דו באקומסט פון השי"ת אלץ מער דארפסטו אים געדענקן; אלס מער ביסטו אים שולדיג אין עבודת השם.

## א טייערע לעבן

מענטשן געבן אויס א געוואלד מיט געלט! דו ציסט זיך אריבער צו א נייע וואוינונג געבסטו אויס אויף הערליכע טעפיכער דו געבסט אויס אויף טייערע מעבל שטיק, אויף קאלירטע קראנען און פענסי פורהאנגען. וואס מען רופט היינט 'נישט טייער' איז פאקטיש 'זייער טייער'. אפילו אויב דו רופסט דאס 'ביליג' - א מציאה, וועט דיר דאס גאנץ ווייניג העלפן. מענטשן געבן אויס ריזיגע סכומים אויסצושטאפירן זייער הויז אדער צו רייזן אויף וואקאציע. זיי דארפן וויסן אז זיי ווערן פאר'חובות'ט ביז איבער'ן קאפ. נישט נאר דורך די געשעפט'ס לייט נאר אויך דורך השי"ת וואס וועט מאנען א באצאלונג פאר אלעם.

דאס מיינט אז פאר די טעפיכער וועסטו מוזן לערנען תורה טאג און נאכט אין דיין נייער וואוינונג. פאר די טייערע מעבל וועסטו מוזן זיצן אויף דיין דיינינג רום טיש און אויסשרייבן טשעקס פאר צדקה אן קיין סוף. אויב קיינער קלינגט נישט ביים טיר וועסטו זיך מוזן דרייען אין די גאסן צו טרעפן משולחים. דו וועסט מוזן צאלן א פרייז. וואס דו האסט געצאלט אין געשעפט איז נאר דער אנהייב. דו ביסט טיף פארזינקען אין חובות ווייל דו האלסט אין איין נעמען.

## עסן ווי' אין ישיבה

דעריבער, וואס קענסטו טון? איינע פון די צוויי זאכן, אדער שניידסטו אויף ואכלת ושבעת און דו ווערסט א ישיבה בחור ווי אין דער אלטער היים. איך האב געהאט א שכן אין מיין צימער אין סלאבאדקע - איך האב געזען וואס דאס מיינט עסן ווי א ישיבה בחור. אינדערפרי האט ער געגעסן איין שטיקל ברויט און געטרינקען א טיי מיט א האלבע קאצקא צוקער. ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן א גאנצע קאצקא צוקער. א האלבע קאצקא! ער האט עס ארומגעוויקלט אין זיין צינג אז ס'זאל זיך נישט שנעל צעלאזן; עס האט אים געהאלטן פאר די גאנצע טיי. און ביינאכט דאס זעלבע. איך בין דארט געוועזן. מיטאג האט ער געגעסן עטוואס מער און דאס ביסל עסן האט אים געגעבן כח צו לערנען תורה פון פארטאגס ביז שפעט ביינאכט.

די שאלה איז, וויפיל מאל מער זענען אונזערע מאלצייטן ווי זיינס? מיר דארפן אנהייבן צו טון אביסל מאטעמאטיק! מיר באקומען אזויפיל און אזויפיל מער, וויפיל מאל מער דארפן מיר אפגעבן פאר השי"ת ווי דער שכן אין סלאבאדקע? ס'קען גאר זיין אז מיר זענען אין טיפע חובות - מיר בארגן און בארגן און מאכן צאלונגען מיט פרוטות אויפן דאלער.

## וויפיל איז דער סאלדאט ווערד?

איך האב ענק שוין אמאל דערציילט די מעשה וואס דער הייליגער חפץ חיים האט דערציילט. איינמאל האט דער צאר געשיקט א מעלדונג אז ער גרייט זיך אראפצוקומען דעם מארגנדיגן טאג מיטצוהאלטן די מיליטערישע מושטירונג (מאַרטש) אין א געוויסע מיליטער לאגער. די גענעראלן האבן איבערגע'חזר'ט מיט די סאלדאטן ביז זיי זענען געווען גרייט אויפצונעמען דעם צאר.

דעם אנדערן אינדערפרי, די גענעראלן קומען זיך צוזאמען אינעם עס-זאל, זיי ווערן סערווירט און עסן געשמאק. ס'איז נאך דא גענוג צייט, דער צאר קומט נאכנישט אזוי פרי. אבער די סאלדאטן האט מען שוין יא אויסגע'שורה'ט גרייט.

געקומען איז דער צאר צו רייטן אויף זיין ווייסע פערד און וואס זעעט ער? קיין איין גענעראל איז נישט צום געפונען פאר די אויגן. ער שוימט פאר כעס.

"איז דא איינער וואס קען אנפירן מיט די מושטירונג?" פרעגט דער צאר. א אידישער סאלדאט קומט ארויס פון די רייע, "איך קען דאס גוט" ער האט וואלענטירט צו אנפירן די מושטירונג.

## די גענעראלן ווערן אפגעזאגט פון אמט

"הייב אן," רופט אויס דער צאר. און דער סאלדאט האט אנגעהויבן צו פירן די סלאדאטן. ס'איז געגאנגען געשמירט. און אינמיטן דאס אלעס זענען די גענעראלן געקומען צו לויפן הערנדיג דער געטומל אבער דער צאר האט זיי פארשיקט אין זייט צו מיטהאלטן ווי דער אידישער סאלדאט פירט אויס די מושטירונג. ווען מען האט געענדיגט האט דער צאר געפרעגט פון דעם אויבער גענעראל, "וויפיל קאסט מיר דער סאלדאט אויסצוהאלטן א טאג?"

"פינף קאפיקעס."

"און וויפיל קאסט דיר אויסצוהאלטן א טאג? אויב איך קען באקומען דאס זעלבע פון אים פארוואס דארף איך שפענדן געלט אויף דיר?"

## גדולה אין ארץ ישראל

השי"ת זאגט צו אונז, "וואס באקום איך פון דיר?" אין ארץ ישראל זיצט מען אין ישיבה און אין כולל א גאנצן טאג מיט ווייניג עסן, מען וואוינט אין לעכער וואו מען האדוועט א שטוב מיט קינדער; זיי האבן אלע גרויסע משפחות בליעה"ר. זיי נעמען זייער ווייניג און צאלן צוריק אסאך! קען זיין אז השי"ת וועט האבן טענות קעגן אונז.

די ערשטע אויסוואל איז צו שניידן פון ואכלת ושבעת. דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס די צדיקים האבן אויסגעוועלט אן ארימע לעבנס שטייגער אז זיי זאלן נישט ווערן פאר'חובות'ט מער ווי זיי קענען באצאלן.

## האב הנאה פון דיין קעיק

אבער דאס איז א שווערע אויסוואל. צוליב דעם וואס איך בין ברייטהארציג (זאגט השי"ת) וועל איך ענק געבן נאך א מעגליכקייט. די גרינגסטע זאך איז **השמרו לכם!** דאס מיינט צו זיין אויף דער וואך. עס ווייטער, געזונטערהייט; האב ווייטער הנאה, קענסט ווייטער אויסגעבן געלט - נישט צופיל, און געדענק אויך צו געבן צדקה; עס זענען דא גענוג נצרכים וואס זענען אנגעוויזן אין דיין צדקה - אבער וואס זאלסטו בעיקר פארמערן? **השמרו לכם!**

השמרו לכם מיינט, דו דארפסט לערנען מער איבער יראת שמים, מער מוסר, מער מורא פאר אן עבירה ווי די אידן פון ארץ ישראל דארפן לערנען. ווייל זיי עסן ווייניגער, דארפן זיי ווייניגער השמרו לכם. אבער מיר עסן מער דארפן מיר מער השמרו לכם.

## פרומע אפיקוסים

אויב נישט ביסטו אויף צרות; **'פן יפתה לבבכם'** - דו וועסט זיך אוועקקערן ס'מיינט נישט אז דו וועסט גיין קיין אינדיע און זיך באהעפטן צו די געצן דינערס ח"ו. דאס מיינט נישט אז דו וועסט ווערן אפגעפארן. דו וועסט נאך אלעס געהעריג היטן! דו וועסט גיין אין שול דריי מאל א טאג, וועסט בענטשן נאך יעדע סעודה, וועסט אויך היטן שבת אבער דו וועסט זיך דערווייטערן פון השי"ת.

וויפיל טראכסטו פון השי"ת? וויפיל דאנקסטו אים? וויפיל קוקסטו ארויף צום הימל פאר דיינע טאג טעגליכע געברויכן? אויב דו טראכסט נישט פון השי"ת איז דאס שוין אפיקורסות; ס'איז פרומע אפיקורסות, אבער ס'איז נאכאלץ אפיקורסות.

מיר האפן צו זיין עובדי ה'. מיר דארפן וויסן אז מיר זענען אין א געפערליכע סכנה ווייל מיר זענען זייער אסאך פארנומען מיטן עסן. מיר זענען פארנומען מיט הנאות. מיר זענען פארנומען צו אויסגעבן געלט. דעריבער, אויף דעם וואס דו עסט א ברייטע פרישטאג און נאכטמאל אויסער דער מיטאג, מאך זיכער אז דו לערנסט פארדעם מסילת ישרים, שערי תשובה, חובת הלבבות און אלע הייליגע ספרים. ווען אימער דו לערנסט א שטיקל גמרא מיט אגדה, מיט יראת שמים קאנצענטריר זיך דערויף. גיי צו פלעצער וואו דו קענסט קונה זיין יראת שמים. לייג צו צו דיין דיעטע אזוי פיל **'השמרו לכם'** אז ס'זאל זיין גלייך מיט די **'ואכלת ושבעת'**.

## בארעכטיג דיין עקזיסטענץ

און דו זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן אז די בעסטע 'השמרו' איז צו דאנקן השי"ת. אויב דו דאנקסט אים פאר אלעם ביסטו בארעכטיגט פאר דיין עקזיסטענץ. אָן א ברכה האסטו נישט קיין רעכט אויף דער וועלט. דאנקבארקייט, הכנעה צו השי"ת, דאס איז אונזער תפקיד. דאס איז די סיבה פאר אונזער גאנצער עקזיסטענץ, אז נישט האסטו נישט קיין פלאץ אויף דער וועלט.

דעריבער דארפן מיר שטענדיג געדענקן וואס מיר זאגן אין קריאת שמע, **ואכלת ושבעת... השמרו לכם** - האסט געגעסן? האסט הנאה פון דיין לעבן? זייער גוט! **נחמו נחמו עמי!** אבער היט זיך. אייביג, אייביג זאל א איד זיין אונטערטעניג צו השי"ת און אויסדריקן זיין דאנק צו אים אן א שיער.

א פרייליכן שבת!

**שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**זאל א בחור זוכן א געלט שידוך וואס וועט אים ערמעגליכן צו קענען בלייבן ביים לערנען נאך דער חתונה?**

## תשובה:

די תשובה איז יא - דאס איז דער ענטפער. אויסער אויב ער וויל נישט בלייבן ביים לערנען.

און דו מוזט פארשטיין אז לערנען תורה פאר יארן נאך דער חתונה איז א ברכה פאר זיך, און עס איז נישט נאר א ברכה פאר אים נאר אויך פאר זיין ווייב. זי איז א כולל פרוי, אן אנדערע סארט פרוי און די קינדער זענען כולל קינדער, אנדערע סארט קינדער. אלעס איז אנדערש. ס'איז אן אנדערע סארט לעבן אינגאנצן. אפילו ער וועט שפעטער פארלאזן די כולל וועט אבער זיין משפחה שוין זיין אנדערש לעולם ועד.

אבער טראץ דעם וואס דאס איז א פראקטישע וועג פאר א מענטש צו שליסן זיינע געשעפטן זאל ער אבער זיך נישט באנארישן און זיך פארקויפן פאר געלט נאר צוליב דעם אז ער וועט קענען ווייטער בלייבן ביים לערנען. ס'איז וויכטיג צו וויסן ווער די מדברת איז, אויב זי איז בשלימות. ווי גוט איז ווען א בחור קען באקומען א כלה אן אשה צנועה, אן אשת חיל. צומאל קען מען טרעפן א מיידל פון אן ארימע שטוב אבער אירע שאיפות און אהבת התורה קען אים מחזק זיין און אים צוברענגען צו קענען שטייגן אין תורה. און אויסער שטייגן אין כולל וועט ער אויך שטייגן אין טאג טעגליכן לעבן.

אן אשת חיל קען מחזק זיין איר מאן צו לערנען אויך זונטאג און שבת, יעדן פארנאכטס. עס זענען פארהאן גענוג ערליכע אינגעלייט וועלכע שטייגן אין תורה אן צו זיין אין כולל ווייל זיי האבן חתונה געהאט צו א חשוב'ע פרוי.

און פארגעס נישט, קינדער זענען זייער וויכטיג. אויב די מדברת איז נישט די סארט וואס וויל אויפציען א שטוב מיט קינדער דאן וועסטו נישט זיין צופרידן. ואת עמלינו אלו הבנים - אונזער פלאג דאס זענען די קינדער. דעריבער, א פרוי וואס איז מסכים צו פירן א קינדער געבענטשטע שטוב און זי האט די פרומקייט זיי צו ערציען בדרך התורה, דאס אליין איז א גרויסע עשירות. דעריבער איז דאס די בעסטע אויסוואל ווען עס קומט צו שידוכים. אויב זי האט פערצופאל אויך געלט איז אוודאי גוט. אבער דו מוזט מאכן זיכער אז דיין החלטה זאל נישט זיין געוואנדן בלויז צו בלייבן אין כולל און פארקוקן פרומקייט און ערליכקייט.

## **שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ"ל